בעזהי"ת

דהתאחדות הקהילות

בהשתתפות הרבנים והקהילות
ולומדי תורה דניו יארק

# בולעטין

ב"ה. חודש סיון ה'תשל"ז

בפיקוח הרב הגאון מוה"ר משה שטרן שליט"א
הגאב"ד דקהל יסודי התורה (מלפנים אב"ד דעברעצין)

יוצא לאור ע"י

## וועד הכשרות

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

באמצעים של בירור, חקירה ודרישה,
התיעצות, הודעה, והצעה

מיר קימען צי אייך מיט א וויכטיגן באריכט. עס איז דאך באוואוסט פאר יעדן דעם באקאנטן קונטרס וואס מיר האבן צוזאמגעשטעלט פאר פסח העל"ט מיט הארוואניע און שוויים, און בעיקר מסירת נפש, איבער אלע סארטן גלאט כשרע פליישען אין אמעריקע.

אלעס איז געשריבן געווארן מיט קלארע פארלעסלעכע הינדערט פראצענטיגע באווייזען, אהן שום גוזמאות, בלויז לעבעדיגע פאקטען. און יעדעסווארט איז געשריבן געווארן מיט יישוב הדעת און זהירות און באראטונגען פון אידען ת"ח בקיאים בשחיטה, ופיקחים, יראים ושלמים.

כאטש מען האט זיך פארגעשטעלט אזוי וויא מיר האבן באשריבן אין מדריך אז מען וועט זיך אקעגן שטעלן און שרייען געוואלד!! יעדער מיט זיינע פניות. דער ווייל ער איז א קרוב צום שוחט, אזוי אויך דער צווייטער, דער אנדערער איז א קרוב צום רב המכשיר, דער אנדערער צום בוטשער, דער צענטער צום זאלצער, אין דער וואס ער האט נאר געהערט פון דעם קרוב, וכדו' (אין לך אדם שאין לו גואלים) און דער לעצטער איז א קרוב צו זיך אליין (אדם קרוב אצל עצמו). און אפילו דער וואס האט נישט קיין גראדע נגיעה דערביי וויל נישט עס זאל הייסן אז ער האט חלילה געגעסן אזוי פיל יאר נבילות וטריפות. און וואס וועט נאך זיין ווייטער?

נאר מען האט דאך באשלאסן ארויס צו געבן פאר די גאס די פאקטן, ווייל אפילו מציל צו זיין נפש אחת מישראל איז אויך כדאי אלעס, חוץ אלעם זאל דער מדה"ד נישט קענען מקטרג זיין היתכן די וואס האבן געוואוסט האבן נישט מוחה געווען? אזוי וויא די חז"ל זאגן (שבת נ"ה.) אז נאר וועגן דיא עבירה זענען די צדיקים

געשטראפט געווארען ביים חורבן בהמ"ק ווייל זייא האבן נישט געשטערט אנדערע. און מיר האבן טאקע אז מיר האבן יוצא געווען און מיר ווארפן גענצליך אראפ פון זיך דעם אחריות, און פון היינט און ווייטער ליגט דער אחריות אויף אייך.

אבער וויא זאגט די וועלט אז מען מיינט ערנסט העלפט דער אויבערשטער, און אזוי ווי מיר האבן נישט געמיינט געלט אדער כבוד (ווייל פאר די זאכן ליידט מען נאר בזיונות) איז די סייעתא דשמיא געווען געוואלדיג גרויס, און עס איז אריין אין די ערליכע אידען א וואכזאמקייט אין געבינט פין שחיטות און אנגעהויבן ערנסט אריינטראכטן וואס גייט דא פאר און מען האט אנגעהויבען איינזען אז דער מצב איז ביטער, דער פארגאנגענעם יאר זענען אומג-עקומען 13 פלייש ארבייטערס, 5 שוחטים חנוכה, און די איבריגע דארכן יאר, ל"ע ה' ירחם!!! מען זעט ל"ע אסאך יונגעלייט און בחורים אפגעפארענע, קינדער עזוה פנימער מי יודע וואס וועט אויס וואקסן. מען הערט לעצטנס אומגליק פעלער זייער אפט ביי יונגע און גרויסע ל"ע ה' ירחם. זייער ענדליך צום מגלה עמוקות צייטן, ווען די אומגליקן זענען געווען זייער אפט ביז דער הייליגר בעל מגלה עמוקות איז געוואויר געווארן די אורזאכע, אז דאס איז צוליב דעם וואס די גאנצע שטאט האט געגעסן נבילות וטריפות צענדליגער יארען דארך קצבים וואס זענען געווען מפורסם מיט זייער ערליכקייט, און פארדעקט זייער צביעות דארך טיילן צדקה פאר ווייט און ברייט. אלטץ רעזולטאט פון די אויבן דערמאנטע אומגליקן האבן זיך אסאך יונגע לייט און עלטערע אידען געמאכט א שטיקעל חשבון הנפש, לאמיר זיך באטראכטן, אויב מען וועט נישט עסן וועט מען דאך זיכער נישט שמייסן!!!! און ווען יא מי יודע???

און בפרט שטייט פאר די אויגן די הייליגע פייערדיגע אומפארגעסליכע רייד פון רשכבה"ג אדמו"ר מזאנז זצללה"ה (שו"ת ד"ח יו"ד ח"א סי' ז') אז גאנצע מדינות, (דייטש-לאנד, בעהמן מעהרן וכו' איז ל"ע אויס געשמדט געווארען פון עסן נישט געהעריג געשחטנע פלייש! געוואלד ווי אזוי וועלן אויסזען אונזערע אייגענע קינדר.

און וואס טוט זיך מיט די פייערע ווערטער פון הגה"ק תבואות שור זי"ע אז אויב דאס יראת שמים שיינט נישט פון פנים פון שוחט דעמאלט ווערט ער שטענדיג ערגער, און אלע וואס עסן פון זיין שחיטה קענען ווערן אפיקורסים רח"ל.

ועל כולם די ווערטער פון שימלויער רב זי"ע (טיול בפרדס אות ש') אז די גאנצע ע"ז פון ציונות איז באשאפן געווארען דורך די פלייש וואס מען האט זיך אנגעגעסן פון שוחטים קלים.

גיט א קיק וואס מען קויפט זיך איין מיטן פלייש צוזאמען, א סכנה פאר זיך מיט די קומענדיגע דורות ברוחניות ובגשמיות, רח"ל.

און וואס טוט זיך מיט עוה"ב דער זוה"ק שרייבט אז דער וואס עסט נבילות וטריפות וועט אפילו נאכן גיהונם נישט זוכה זיין צו עוה"ב די הארבסטע שטראף.

<u>בקיצור</u>: איינגעשטעלט מיט ביידע וועלטן!!!

אבער ליידער האבן די בעלי בתים פון די שלאכט הייזר אנגעהויבן פירען א מוראדיגן קאמף צו פארטושען דעם אמת, וואס צו דעם מאטיוו ווערט געניצט טעראר און צוואנגס מיטלען, וואס דאס האט געברענגט דערצו דאס פילע רבנים וואס האבען זיך שוין געהאט איבערצייגט אויף דיא גרויסע מכשולות ביי די שחיטות האבען זיך

ד

ניטש געטרויט אנצורירפען ומכש"כ עפעס טון פון גרויס
פחד און מורא. די רבנים זענען געווארען אנגערופען ערב
שבת הגדול און מיט גיטען און מיט בייזען געצוואונגען
די פראמינענטסטע רבנים צי דרשנען, און אויסרופען אין
זייערע שוהלען דאס די פלייש איז כשר. הגם מערסטע פון
די רבנים זענען קיינמאל אדער שוין לאנגע יארען נישט
געווען אין די שלאכט הייזער, און א גרויסע טייל ניצען
אויסשליסליך נאר עופות פון קליינע פריוואטע שחיטות
ווי באקאנט. אויך איז פארהאן צענדליגער רבנים וואס
האבען מורא צי עסען בהמה פלייש הגם אין אירופה האבען
זייא יא געגעסען. אויך האט מען אין געוויסע בתי מדרשים
אויסגערופען שבת הגדול פאר קרה"ת דאס דער דעברעצינער
רב שליט"א האט חרטה געהאט און צוריק געצויגען פון
אלעם וואס שטייט אין מדריך. עס וואונדערט זיך זייער
היאך החי יכול להכחיש את החי, ווייל אין דער זעלבער
צייט האט דער דעברעצינער רב שליט"א געדרשנט אין זיין
שוהל פאר א גרויסען עולם מיט פייערדיגע ווערטער
געגען די גרויסע מכשולות ביי די היינטיגע שנעלע שחיטות
זאפארט נאך שבת ווען דער דעברעצינער רב שליט"א
האט זיך דערוואוסט פון דעם פאטאלען ליגענט וואס מען
האט נאכגעזאגט אין זיין נאמען, באטאנענדיג אז דער
דעברעצינער רב שליט"א האלט אז די פלייש איז גלאט כשר,
האט ער אפגעשריבען א מחאה, ווי ער טיט שארף פארדאמען
און טאדלען דעם אומבאלימפערטן שקר, נאר צוליב דעם
גרויסען שטורעם פון דער גאס און דרוק פון געוויסע
קרייזען איז דאס אפגעהאלטען געווארען און נישט
פארעפענטליכט געווארען.
זיבט דעמאלט גייט אהן א שרעקליכע העץ קאמפיין
ה

און דער דעברעצינער רב שליט"א האט געמידט געצוואונג-
ענערהייט ארויס פארען צו די שחיטה, זיי האבען עס
באשטימט דעם טאג און דעם שעה ווען ער האט צו פארען
און זיי האבען עס ארויס געפירט. (דאס מיינט בקיצור
אז פון קלענסטען ארבייטער ביז די בעלי בתים אליין האט
יעדער געוואוסט פינקטליך די שעה און די מינוט ווען דער
דעברעצינער רב שליט"א וועט ערשיינען אין שלאכט הויז.
פארשטייט זיך אז אלעס איז פארגעברייטעט געווארען עס
זאל קלאפען פון אלע זייטען. פארשטייט זיך דאך אליין
אז אזוי א סארט באקוקען האט נישט קיין שום ווערט,
(עי' חשו' חת"ם סי' י"ג) חוץ דעם וואס דער דעברעצינער
רב שליט"א טענהט אלע יארען אז נישט נאר איינמאל קוקען
איז גארנישט ווערט, נאר אפילו א וואך און צווייא איז
אויך נישט גענוג, נאר טאקע גאנצע חדשים ממש, בפרט אין
א פלאץ ווי עס איז נישט דא קיין משגיח תמידי כידוע
לכל. (באמערקונג דער איינער וואס מען ריפט עס משגיח
איז נישט מער ווי א פשוטער בלאמבירער וואס האט געיאגט-
ערהייט קוים צייט צו לייגען א בלאמבע, און האט אוודאי
נישט קיין מינוט פריי אויף השגחה, און משגיחים תמידים
זענען בכלל נישטא אין קיין שום שלאכט הויז נאר ווען
מען שלעפט אריין רבנים).

מיט א צובראכענעם געמיט און א שווער הארץ אקעגען
זיין ווילען און זיינע שיטות עפ"י התורה, האט ער זיך
געמידט בייגען צו דעם צוואנג און מיט געפארען. דאס
אלעס איז געטון געווארען מיט סטראשונקעס אויפען לעבען.
מיר זענען זיכער אז מיטען כח פון זייער טערור וועלען
זייא נאך צוואונגען דעם דעברעצינער רב שליט"א אראפ צו
שרייבען בכתב אז אלעס איז אין בעסטער ארדענונג עצהיו"ט

און אז אלע שמועות פון די גאס זענען "שקרים וכזבים מתחילה ועד סוף" און זיי וועלען זיך אלמץ נישט בארו-איגען ווילאנג זיי וועלען דאס באשרייבען אין צייטונג און גיט ארום פיצען פון אלע זייטען. און ווען דאס וועט געלונגען וועלען זיי דעם שפיל איבער חזר׳ן, דאס זעלבע קיגמץ ביי די בהמה שלאכט הייזער.

דערפאר בעטען מיר פון דיא אידען וואס מיינען מיט אן אמת צי וויסען דעם ריינעם אמת אין דעם ריכטיגען מיינונג פון דעברעצינער רב שליט"א. זאלט איר וויסען אז דעם דעברעצינער רב׳ס שליט"א שיטה איז געווען און בלייבט ווייטער אלעס ווי מיר האבען באשריבען אויספירליך אין מדריך, און אלעס איז בתוקפה ווי לאנג מען וועט נישט זעצען א בי"ד דן זיין עפ"י התורה און אויס הערן די עדות, וועלען די אלע באשריבענע פאקטען אויף געווייזן ווערן כשמש בצהרים, בדרך אגב קענען מיר נישט פארהוילן אז מיר זענען געווען גרייט צו גיין צו ד"ת, און מיר זענען נאך אלטץ גרייט. מיר האבען שוין אפילו געהאט צוגעגרייט אפערטיגן בי"ד של חמש, וואס צוויי פון די וואס האבן געדארפט זיין אין בי"ד זענען רבנים מכשירים, ווען עס איז אבער געקומען למעשה האבען זיי זיך ארויס געדרייט דערפון מיט כל תירוצים שונים, ושארי תירוצים לא נבעלו והמ"י.

נאך ווילען מיר דא באמערקן דאס מיר האבן זיך אליין איבערצייגט פון רבנים וואס זענען געווען באקוקען די שחיטה און זענען צוריק געקומען מלא ההפעלות, און בעזאגט אז די שחיטה איז הפלא ופלא, ויאכלו ענוים וישבעו אויף זייער אחריות, צום סוף נאך א קורצן געש-פרעך מיט אטייל פון זיי האט זיך ארויס בעשטעלט א

ח

שרעקליך בילד, אז געוויסע ערנסטע טיילען פון די מעשה
השחיטה זענען זיי בכלל נישט געווען באהאווּנט ווי
אזוי דאס גייט צי, וואס דארט אליין קען זיך מאכן גאר
ערנססטע חששות פון נו"ט ממש.

מורי ורבותי, גלייבט אונז מיר מיינען נאר אייער
טובה, מיר מיינען ח"ו קיינעם צי באליידיגן, מיר האבן
נאר געזיכט ארויס צי ברענגען דעם אמת אזוי ווי עס איז,
נאר כדי מציל צי זיין אידישע קינדער פון נו"ט וואס די
הארבקייט דערפון שטייגט איבער אלעם.

בארעכנט זיך איידער איר גייט קויפן א שטיקעל פלייש,
אז אויב עס זאל ח"ו אמת זיין וואס מען זאגט קעגן דעם
פלייש איז מען דאך <u>אומגליקליך ל"ע סיי אויף דער וועלט</u>
<u>סיי אויף יענער וועלט</u>!!! ווייל מאכלות אסורות פארשטאפט
דעם מוח און הארץ, (יו"ד סי' פ"א) און עס ברנגט צי
אפיקורסות, (תשו' הרמב"ם) און אויך ברענגט עס צי שמד
רח"ל (שו"ת ד"ח יו"ד סי' ד') און איז גורם פארשידענע
אומגליקן רח"ל (ר"ה קאלאמייער). אויך איז עס זיכער
נישט כדאי איינצושטעלן זיך מיט די גאנצע משפחה, אפילו
אויב עס איז נאר א ספק.

מיט גרויס פרייד טיען מיר ציווייזן דעם ברייטן חרדישן
ציבור אז הגם עס זענען אויף געשטאנען אויף אונז מסטינים
און מקטריגים, דאך אבער האבן מיר געהאט אומנאטירליך
גרויס הצלחה ממש שלא כדרך הטבע. עס איז נתקיים געווארן
אויף אונז דער פסוק " וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן
יפרוץ", מיט פילען דיך פון ווארט, און מיר קענען ב"ה
מיטטיילן אונזערע חשובע אבאנענטען אז אונזערע קונטרסים
"<u>מדריך לכשרות</u>" קימען אהן צי קנאפע צען טויזענט
(10,000) מענטשן (בלעה"ר כן ירבו), און עס ווערט ב"ה

ט

נתרבה מיום אל יום.

מיר וועלען בעזהי"ת ווייטער אנגיין מיט אונזער היילעגע ארבעט טראץ דאס גרויסע התנגדות, און מיט מסירת נפש וועלען מיר ארבעטען ביז עס וועט אי"ה ארויס קומען דער ריכטיגער תיקון, וכל מחלוקת שהוא לשם שמים סופה להתקיים.

<u>א דרינגענדער אויפרוף!!!</u>

מיר ווענדען זיך צו אלע ראשי ומנהיגי הקהלות ומוסדות החרדות שיחיו עמו"ש (סאטמאר, סיגעט, פאפא, וויען, סקווער, בעלז, באבוב, ליובאוויטש, וויזניץ, מונקאטש, צעהלים, נייטרא, ספינקא, קראסנא, קאשוי, טאש, גור, מיר, ווי אויך אלע אנדערע קהלות הקדושות בכל מקומות מושבותיהם).

מיר בעטען אייך בכל לשון של בקשה, האט רחמנות און מיטלייד אויף טייערע אידישע נפשות וואס זענען בעצווא-ונגען צועסן פלייש וואס דער כשרות דערפון איז נישט לויט זייער געשמאק, און נאר אין אייך איז אפהענגיק דאס רעכט צושטעלען, <u>מיט'ן איינפירען אקלייגע שחיטה</u>, ווי עס זאל געשאחטען ווערען מערסטענס 10 בהמות א שעה, מיט שוחטים.בודקים,משגיחים,בלאמבירער"ס, יראים ושלמים וואס דער יראת שמים איז קענטיג אויף זיי ביי יעדען באוועגונג, אויך א אייגענעם בוטשער מיט א משגיח תמידי, אלע זאלען ווערען באצאלט אויסשליסלעך דורכ'ן רב המכשיר פון קהל'ס קאסע, סיי די שוחטים ובודקים, ווי אויך אלע אידישע ארבעטער, סיי ביים "לאכט הויז, סיי ביים בוטשער

חשובע עסקנים! איהר ארבעט דאך אומערמידלעך מיט ענערגישע כוחות אויפצושטעלען דורות וואס זאלען זיין לשם ולתפארת פאר דעם גאנצען כלל ישראל, לאזט נישט

ארויס דעם עיקר, ווייל סאמער איהר וועט נישט אננעמען באלדיגע שריט אויף דעם געביט איז אייער גאנצע פלאג און הארעוואניע א אומזיסטיגע, די חז"ל זאגען אז קינדער וואס ווערען נתפטם פון נבילות וטריפות אפילו נאר פון ספק נו"ט ווערט זייער הארץ און מוח פארשטאפט, און זיי וואקסען מיט גרויס עזות און חוצפה, און פארקריכען ה"ו פון אידישען וועג, ווי מיר זעהן דאס ליידער היינט בחוש, דעריבער פארגעסט נישט אז די אחריות פון טויזענטער נשמות ליגט אויף אייך, און נאר איהר זענט בכח צו העלפען.

מיר ווילען באטאנען אז מיר זענען גרייט צוצוהעלפען בלב ונפש מיט אלעם וואס מיר קענען בייהילפיג זיין פאר יעדע קהלה וואס האט אינטערעס צו טוהן אין דעם געביט.

אין זכות פון אפגעהיטענקייט פון מאכלות אסורות וועלען מיר בקרוב זוכה זיין צו אלע ברכות פון דער תורה הק' און צוגיין אקעגען משיח צדקנו בב"א.

---

## דאס צוועק, גאנג, וואוקס, און ענטוויקלונג'פונ'ם „וועד הכשרות"

מיט די באראטונג פון רבנים האט זיך ווינטער שנת תשל"ד לפ"ק געגרינדעט אן ארגאניזאציע מיט דעם נאמען „וועד הכשרות".

דאס צוועק פון דעם איז צו פארשטארקערן, פארבעסערן, באשטעטיגן, און פעסטשטעלן די ווארהייט און ריכטיגקייט פון כשרות.

- דער וועד ווערט געפירט דורך רבנים, בני תורה, און בעלי בתים וועלכע זענען איבערצייגט און איבערגעגעבן אין זייער ארבעט אהן קיין שום צאהלונג אדער אנדערע זייטיגע אינטערעסען.
- עס זענען ב"ה שוין דא איבער הונדערט מיט-ארבעטער וועלכע נעמען א טייל אין דעם וועד'ס טעטיקייטען שלא על מנת לקבל פרס.
- די פינאנציעלע איינקופט פון וועד באשטייט פון מעמבערשיפ וואס ווערט גצאלט דורך די חברים.
- די מעמבערס ווערען אינפארמירט פון אונזער ארבעט דורך אונזער צייט שריפט „מדריך לכשרות", וואס ערשיינט יעדע צווי חדשים, און בולעטינס וואס ערשיינען פון צייט צו צייט. די אויבען דערמאנטע ווערען געשיקט אויסדריקליך נאר צו מעמבערס.

א געזונטען כשר'ן זומער,

וועד הכשרות

## אינטערעסירט אין קריטיק

אויף יעדער דבר שבקדושה איז דא קריטיק און טענות. עס איז פארשטענדליך אז כשם שפרצופיהן משונות כן דיעותיהן משונות, איבערהויפט אין אן ענין ווי כשרות, וועלכע איז נוגע צו היזק און רווח. צו כבוד און בזיונות.

אויף א גרויסער טייל פון די טענות איז דא א ריכטיגע אויסגעהאלטענע סיבה וועלכע מען קען נישט, מען דארף נישט, איז איבעריג, און נישט וויכטיג צו באשרייבען אין מדריך.

מיר בעטען די לייענערס וועלכע האבען טענות (וואס עס זאל נישט זיין), זיי זאלען אריין שרייבען צום וועד הכשרות. אויב דער „וועד" וועט איינזעהן אז מען דארף מתקן זיין, וועט מען זיין דאנקבאר פאר דעם שרייבער. און מען וועט פאריכטען די טענות.

הערות און תיקונים לצורך תיקון העלפט אונז אנגיין מיט אונזער ארבעט אזוי ווי עס דארף צו זיין.

ידיעות ושמועות מסתובבים ברחוב העיר בעניני הכשרות. הודעות רשמיות נפוצות ברבים בלי שום חתימה אמיתית, משפילים כבודם של רבנים, מוסדות, בעלי-חרושת, בתי-מוצרים, בלי להתחשב באמיהות הדבר. כבר מפורסם לכל שאין זו מטרתינו, אדרבא כל זאת מפריע לעבודתינו.

כמאז וגם עתה אנו חוזרים ושונים מעמדינו, אין אנו אחראים רק למה שנדפס במדריכנו או מודעה שנפנץ בבי דואר עם אות המובהק של מכתבינו, שיהי' ברור לכל שמאתנו באה זאת.

נ.ב. די בולעטינס זענען שטענדיגע הוספות אויף די געווענטליכע מדריכים.
בעזר השם וועט בקרוב ערשיינען מדריך נומער 19

# וועד הכשרות

KOSHER כשר

## VAAD HAKASHRUS

**A Public Service Organization**
**Dedicated to Strenghtening of Kashrus**
**Through Research and Developement**

**ביטע באצאלט! לייגט נישט אפ אויף שפעטער!**

די שטענדיגע מאנונגען האלט אפ אונזער הייליגער ארבעט, און גיבן צו אומזינסטיגע הוצאות. פארגרינגערט אונז און שיקט שוין אריין אייער סובסקריפשאן פאר דעם „**מדריך לכשרות**"

Non-Profit Org.
U. S. POSTAGE
**Paid**
Brooklyn, N. Y.
Permit No. 11517